# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת משפטים תשפ"ד שנה י | גליון מס' 520



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## מען מעג נישט מצער זיין א איד – אפילו לשם שמים

**"אִם עַנֵּה תְעַנֶּה אֹתוֹ כִּי אִם צָעֹק יִצְעַק אֵלַי שָׁמֹעַ אֶשְׁמַע צַעֲקָתוֹ; וְחָרָה אַפִּי וְהָרַגְתִּי אֶתְכֶם בֶּחָרֶב וְהָיוּ נְשֵׁיכֶם אַלְמָנוֹת וּבְנֵיכֶם יְתֹמִים"** (כב כב-כג)

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר "אִם עַנֵּה תְעַנֶּה אֹתוֹ כִּי אִם צָעֹק יִצְעַק. ווען מען איז מדייק אין דעם פסוק ווערט שווער וואס פעלט אויס דער 'כי' - עס וואלט געקענט שטיין "אִם עַנֵּה תְעַנֶּה אֹתוֹ - אִם צָעֹק יִצְעַק אן דער 'כי'.

**געט צו פארשטיין רבי שמואל מודִיליאנו דער רב פון סאלוניקי בשם מורו ורבו רבי אליהו קובו** לויט א מעשה וואס עס האט פאסירט ביי זיי אין שטאט. עס האט זיך געמאכט ביי זיי אין שטאט אז די רעגירונג האט איינמאל ארויפגעלייגט אויף זיי אומדערטרעגליכע הויכע שטייערן. עס איז געווען העכער ווי זיי האבן געקענט באצאלן און זוכנדיג אן עצה האבן זיך די ראשי הקהילה אוועקגעזעצט אויף אן אסיפה און דן געווען וואס מען קען טון. ביי די אסיפה האט איינער ארויפגעברענגט א געדאנק אז מען זאל אפשטעלן די שטיצע פון קהל פאר די יתומים און די אלמנות און אז זיי וועלן נישט באקומען זייער שטיצע וועלן זיי מתפלל זיין צו הקב"ה און דער רבוש"ע הערט דאך אויס זייער תפילה, וועלן זיי דורך דעם ממשיך זיין א ישועה פאר די גאנצע שטאט.

אבער עס איז זיכער אז מען מעג נישט מאכן אזא זאך ווייל אפילו אויב מען וועט עס מאכן וועט הקב"ה נישט אויסהערן די געוויין פון די אידן.

מיט דעם געדאנק קען מען פארשטיין וואו עס קומט דא אריין דער 'כי'. די תורה קומט דא אויסשליסן אזא זאך און זאגט "אם ענה תענה את היתום והאלמנה". נישט ווייל דו ווילסט זיי טון שלעכט נאר - כי אם צעק יצעק אלי - ווייל דו ווילסט אז ער זאל שרייען צו מיר און געהאלפן ווערן מיט א ישועה - זאגט די תורה: "שָׁמֹעַ אֶשְׁמַע צַעֲקָתוֹ" - אז איך וועל הערן זייער צעקה אבער נישט ענקער געשריי!

'ארוחת תמיד' [לר"ש מודיליאנו] פר' צו

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## אמן איז די נשמה פון די ברכה

יעדן צופרי, נאך דעם וואס מיר דאנקען הקב"ה מיט די ברכה פון "אשר יצר" אז ער האט אונז געגעבן א געזונטער און א פונקציאנירענדער קערפער לייגן מיר צו א ברכה און לויבן הקב"ה אויף די הייליגע נשמה וואס ער האט אריינגעלייגט אין אונז.

אין די צייט ווען די גשמיות'דיגע קערפער איז אפען און יעדער איינער קען עס זען איז די נשמה א באהאלטענער זאך. עס איז א רוחניות'דיגער זאך און מען זעט עס נישט. עס איז ווי חז"ל זאגן אונז אין די גמרא ברכות [י.א]:"מה הקב"ה רואה ואינו נראה - אף נשמה רואה ואינה נראית".

ווען א איד וועט זיך מתבונן זיין וועט ער זען אז נישט נאר א מענטש האט א גוף און א נשמה אויך די תפילה וואס א איד דאווענט, אויך די ברכות וואס א איד מאכט, האט אין זיך א גוף מיט א נשמה. דער מקור צו דעם טרעפן מיר אין חובת הלבבות (שער חשבון הנפש פ"ג).

דארטן שטעלט ער צו די געדאנק פון א תפילה אן כוונה צו א גוף אן א נשמה, אז ווען עס איז דא ביידע, אז דער איד דאווענט און ביים דאווענען איז זיין כוונה דא מיט אים, איז די תפילה ווי א גוף מיט א נשמה, אבער ווען עס פעלט איינס פון זיי, אז דער מענטש דאווענט און בשעת ווען ער דאווענט שוועבט ער ארום אין אנדערע ערטער, איז דער דאווענען כגוף בלא נשמה.

דעם געדאנק טרעפן מיר אויך ביי אמן. ווען א איד מאכט א ברכה און ער ענטפערט אויף איר אן אמן איז די תפילה ווי א גוף מיט א נשמה און אז מען דאווענט און מען לייגט נישט צו דעם אמן איז די תפילה כגוף בלי נשמה, ווייל דער אמן איז נישט א זאך וואס שטייט פאר זיך אליין, עס איז מחיה און מחזק די ברכה, אן איר איז די ברכה ווי א גוף בלי נשמה.

עס טרעפט זיך מערערע מאל אז כ'רעד פאר מענטשן וועגן אמן און איך גיב זיי איבער דעם געדאנק אז א ברכה אן קיין אמן איז ווי א גוף אן א נשמה. איך באמערק אייביג ווי עס איז דא אידן וואס קענען נישט מקבל זיין די זאך, זיי קענען נישט משלים זיין מיט'ן פאקט אז עס גייט אויף אזוי ווייט, אבער דער הסבר דערצו איז זייער פשוט.

די גאוני הדורות גלייכן צו א ברכה ווי שרייבן שטר און די 'אמן' ווי די חתימה וואס באשטעטיגט די ברכה. (מהרש"ל ב'עמודי שלמה' עשה כז, ובעל ה'כלי יקר' ב'עוללות אפרים' ח"ג מאמר תס). לויט דעם געדאנק קען מען עס פארשטיין. וואס איז די ווערד פון א טשעק אויף א מיליאן דאלער ווען עס האט נישט קיין חתימה? איבריג צו זאגן אז עס איז גארנישט ווערד און די זעלבע איז אויך דא, א ברכה אן קיין אמן איז ווי א שטר אן קיין חתימה.

אזוי ווי די נשמה פון א מענטש איז פארהוילן, מיר זעען עס נישט, די זעלבע איז אויך די פעולה וואס דער אמן טוט, עס איז פארהוילן אבער מיר דארפן גלייבן אין איר, מיר דארפן גלייבן און וויסן אז ער איז דער חותם פון די ברכה, ער געט אריין חיות אין די ברכה און אז מיר וועלן מקפיד זיין אויף איר, וועלן מיר זוכה זיין אריינצוגעבן א חיות אין די ברכות וואס מיר מאכן טאג טעגליך און בפרט אין די ברכה פון אלוקי נשמה, ווי מיר דאנקען אויף די משנה פון די זאך.

**מיט א קריאה אז "ברכה אן קיין אמן איז כגוף בלי נשמה"**

**שבת שלום**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — די גזירה וואס איז געווארן צעריסן מיט בלוט —

אין די לעצטע חדשים האט דער עולם התורה והמוסר פארלוירן איינער פון איר חשובע און געהויבענע פערזענליכקייטן, דער בארימטער משגיח פון די לעיקוואודער ישיבה הגאון הצדיק רבי מתתיהו חיים סאלאמאן זצ"ל דער בעל

דער שפיץ פון די שפיץ איז געווען ווען מען איז אנגעקומען צו די תפילה פון "ונתנה תוקף". שטייענדיג נאך א יאר וואס די תפילה האט געהאט מער באדייט ווי אלע יארן האט דער משגיח זייער פארפירט ביי איר און ווען עס איז אנגעקומען אז ער האט געדארפט איבערזאגן די שטיקלעך האט ער קוים קוים געקענט קומען צום ווארט פון גרויס געוויין.


די טראפענעס בלוט אויף דער מחזור פון דעם משגיח

'מתנת חיים' פון די זקני בעלי מוסר אין אונזער דור.

א לאנגער און א דערהויבענער לעבן האט דער גאון געפירט. ער איז געבוירן געווארן אין די שטאט געיסטעהד אין יאר תרח"צ צו זיין חשובער טאטע רבי יעקב ז"ל.

ווערנדיג געבוירן אין דער הייליגער יום טוב חנוכה האט מען אים א נאמען 'מתתיהו'.

אין זיינע יונגע יארן איז ער נתעלה געווארן בתורה אין די געיסטעהעדער ישיבה און שפעטער מיט די המלצה פון דער ראש הישיבה הגאון רבי לייב גורביץ זצ"ל איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און האט זיך געווייקט ביים חשובער משגיח ר' אלי' לאפיאן זצ"ל וואס האט געדינט אלץ משגיח אין די ישיבה פון 'כפר חסידים'.

לערנענדיג אין די ישיבה 'כפר חסידים' איז ער שטארק אויסגעשטיגן אין תורה און אין מוסר וואקסנדיג איינער פון די חשוב'סטע בחורים אין די ישיבה. נאך די חתונה האט מען אים געבעטן ער זאל צוריקקומען קיין געיסטעהד און א שטיק צייט שפעטער האט מען אים ממנה געווען צו דינען אלץ די משגיח פון די ישיבה, א תפקיד וואס ער האט אנגעהאלטן פאר גאנצע דרייסיג יאר.

אויסער זיין גרויסקייט אין תורה און אין מוסר איז ער אויך געווען בארימט אלץ אן אויסטערלישער לב טוב, א איד וואס האט כסדר מחזק געווען אנדערע אידן און געהאט אן אפענער אויער פאר שבורי לב און נדכאי הלב.

עס איז געווען אין איינער פון די יארן ווען די קהילה אין געיסטעהד איז אריבער אסאך שווערינקייטן און ביטערע טראגעדיעס. יעדער טראגעדיע פאר זיך איז געווען זייער ביטער. יונגע מענטשן זענען אוועק און די אומגליקן זענען געוווען אזוי' שווער, אז מען האט פשוט מורא געהאט אין די ישיבה פון וואס עס גייט קומען.

עס איז געווען אין די אלול טעג, ממש פאר ראש השנה, ווען עס איז אנגעקומען די שווערע בשורה אז א יונגער בחור פון די בני הישיבה איז נעבעך אומגעקומען.

די בשורה איז געווען דער מכה בפטיש און אריינגייענדיג אין דעם הייליגן טאג ראש השנה זענען זיך אלע תלמידים צוזאמענגעקומען אין די היכל הישיבה און אינאיינעם האט מען געפראווועט א דערהויבענע תפילה, ווען מען רייסט איין אז די קומענדיגע יאר זאל זיין א בעסערע יאר.

די תפילות איז אלעמאל געווען מיט די פולסטע ברען אבער שטייענדיג נאך אזעלכע ביטערע טראגעדיעס האט דער עולם מער מתפלל געווען ווי נארמאל און זיך איינגעבעטן פאר'ן לעבן.

די געהויבנקייט פון ראש השנה האט ממשיך געווען שפעטער אין די עשרת ימי תשובה. מען האט געבעטן און איינגעריסן און פון צייט צו צייט האט דער חשובער משגיח מעורר געווען די בחורים און די אינגעלייט אז מען זאל מער איינרייסן, יעדער איינער לויט זיין מדריגה.

די קלימאקס פון די תפילות איז אנגעקומען ביי מוסף יום כיפור. דער סדר איז געווען אז דער משגיח רבי מתתיהו איז צוגעגאנגען צום עמוד. דער משגיח וואס איז געווען זייער פאר'צער'ט פון די אלע ביטערע געשעענישן האט אייביג געדאווענט זייער ווארעם און מיט ביטערע טרערן אבער יענעם יאר האט ער מער געוויינט און מער געשריגן ווען אלע אידן אין די קהילה ווערן נאכגעשלעפט נאך זיין ווארעמע דאווענען.

דער שפיץ פון די שפיץ איז געווען ווען מען איז אנגעקומען צו די תפילה פון "ונתנה תוקף". שטייענדיג נאך א יאר וואס די תפילה האט געהאט מער באדייט ווי אלע יארן האט דער משגיח זייער פארפירט ביי איר און ווען עס איז אנגעקומען אז ער האט געדארפט איבערזאגן די שטיקלעך האט ער קוים קוים געקענט קומען צום ווארט פון גרויס געוויין.

אנקומענדיג צו די שטיקל פון "ותשובה ותפילה וצדקה מעבירים את רוע הגזירה" האט דער משגיח געשריגן אזוי' הויך אז פון גרויס אנשטערנגען זיך איז ארויסגערינען בלוט פון זיין האלדז און איז ארויפגעפאלן אויפ'ן אפענער מחזור.

די וואס זענען געשטאנען ארום אים זענען דערציטערט געווארן זעענדיג וואס דא האט פאסירט אבער ווען מען האט געזען אז די בלוט איז געפאלן אויף די ווערטער 'רוע הגזירה' האט מען פארשטאנען אז די תפילה איז נתקבל געווארן, די שווערע גזירה איז בטל געווארן.

דער הייליגער טאג האט זיך געענדיגט. ווי נאר מען האט געזאגט 'ברכו' איז די הרגשה אין די ישיבה געווען אז מען האט גע'פועל'ט און די טעג נאך דעם, די סוכות איז געפראוועט געווארן מיט אן אויסטערלישע שמחה און א דערהויבנקייט.

די געפיל איז נישט געווען אומזינסט, יענער יאר איז געווען א שמחה'דיגע יאר, עס איז געווען די פארקערטע ווי א יאר פריער, עס איז נישט באריכטעט געווארן איבער קיין שום צרה אין די ארטיגע קהילה און אין די ישיבה, קיין איינער איז נישט געשטארבן פריצייטיג, נאר אויסגעלעבט די יאר בשלום ובשלוה.

געהערט פון די תלמידי המשגיח זצ"ל

## — הפסקה בדברים שבקדושה לעניית אמן —

**ביי די ערשטע טייל פון "ברוך שאמר" ביז ווען מען קומט אן צו "ברוך אתה ה'" הראשון מעג מען ענטפערן אמן אויף אלע ברכות, אפילו אויף די ברכה פון "ברוך שאמר" וואס איינער מאכט נעבן אים [1]. נאך "ברוך אתה ה'" מעג ער ענטפערן אויף אלע ברכות [2], אבער ער מעג נישט ענטפערן אמן אויף די ברכה פון "ברוך שאמר" וואס ער הערט פון א צווייטן, ווייל די ברכה ווערט נישט דערמאנט אין די גמרא [3]. עס איז אבער דא א יש אומרים וואס זענען חולק און האלטן אז נאכ'ן זאגן "ברוך אתה ה'" זאל מען נישט ענטפערן נאר נאך די ערשטע פינף אמנים פון קדיש [4]. אנדערע זאגן אז מען זאל אויך ענטפערן נאך די אמן פון "הא-ל הקדוש" און פון "שומע תפילה" [5]. אבער פון נאך "ברוך אתה ה'" וואס מען זאגט ביי די חתימת הברכה, ביז ווען מען ענדיגט 'מלך מהולל בתשבחות' מעג מען נישט ענטפערן אמן ביז ענדע פון די ברכה [6].**

1. די הלכה ווערט אראפגעברענגט אין 'משנה ברורה' (נא ב) און זעה דארט אז ער מאכט א חילוק צווישן די ערשטע חלק פון די ברכה ביז צו די צווייטע טייל. ער זאגט אז די ערשטע חלק פון ברוך שאמר ביז "ברוך אתה ה'" איז בכלל נישט קיין ברכה נאר א שבח און ווי ער דרוקט זיך אויס "שבחא בעלמא הוא". [זעה נאך מער אין'ערוך השלחן' (נא ג) אז ער איז נוטה צו זאגן אז דער ערשטער טייל פון די ברכה ביז "ברוך אתה ה'" איז נישט א חלק פון די ברכה]. די זעלבע שרייבט אויך דער 'בן איש חי' (פרשת ויגש אות ט) אין ספר 'נוטרי אמן' (ח"ב פ"כ הט"ז) שרייבט ער אז אין די ערשטע חלק פון די ברכה מעג מען אויך ענטפערן "ברוך הוא וברוך שמו". אבער דער 'כף החיים' (שם יא) קריגט זיך און שרייבט אז אויך אין די ערשטע חלק זאל מען נישט ענטפערן נאר אויף אן אמן וואס מען איז חייב צו ענטפערן מצד הדין אבער די אמן נאך א בקשה ביי דער סיום פון א קדיש [ווי נאך "על ישראל..." אדער נאך "יהא שלמא רבא..."] וואס איז נאר א מנהג און כל שכן "ברוך הוא וברוך שמו" זאל מען נישט ענטפערן ווייל עס איז נאר א מנהג און נאך אן אמן וואס איז א מנהג קומט נישט אריין אז מען זאל ענטפערן נאך איר ווען מען האלט אינמיטן אזא גרויסער שבח".

2. אזוי זאגט אויפ'ן פלאץ דער 'מגן אברהם' (שם ג) און ער געט צו פארשטיין אז די ברכה פון "ברוך שאמר" איז גרינגער ווי אלע אנדערע ברכות ווייל עס ווערט נישט אראפגעברענגט אין די גמרא.

3. און די זעלבע דין איז אויך ביי דער אמן נאך ישתבח, ווייל עס ווערט אויך נישט דערמאנט אין די גמרא ('משנה ברורה' שם).

4. דער חיד"א אין ספר'קשר גודל' [ ז כט-ל] שרייבט אז דער אר"י האט געהאלטן אז אפילו אז די ברכה פון "ברוך שאמר" ווערט נישט דערמאנט אין די גמרא איז איר דין ווי די ברכות קריאת שמע און ווי אנדערע ברכות וואס ווערט דערמאנט אין די גמרא, ווייל אויך די ברכה איז מתוקן געווארן דורך די אנשי כנסת הגדולה (ראה ט"ז שם א). ער פירט אויס אז וועגן דעם ווער עס שטייט אינמיטן א ברכה מעג נישט ענטפערן אמן אויף אלע ברכות און ער זאל נישט ענטפערן נאר נאך אמנים אדער נאך דברים שבקדושה וואס איז מותר צו ענטפערן ביי קריאת שמע. די זעלבע פסק'נט אויך דער כף החיים' אויפ'ן פלאץ. אויך דער 'שלחן ערוך הרב' ברענגט דארט אראפ די דיעה . אויך דער 'קצות השלחן' (סי' יח הערה ה) רעדט פון דעם און שרייבט אז דער רב נעמט אן להלכה אזוי אין זיין סידור.

5. דארט אין 'שלחן ערוך הרב (שם) און דאס בויט זיך אויף די ווערטער פון דעם רמ"א (או"ח סו ג) אז די 'אמן' נאך די דריי ברכות האט א באזונדערע חשיבות אבער דער שלחן ערוך וואס האלט אז דער אמן איז ווי אלע אנדערע ברכות האט עס א דין ווי אלע אנדערע אמנים.

6. דער 'משנה ברורה' אויפ'ן ארט בשם דער 'חיי אדם' (כלל כ סעיף ג) און די סיבה איז ווייל מיט דעם איז מקלקל די ברכה.

### הפסקה בדברים שבקדושה לעניית אמן

אין די עלטערע יארן פון רבי אברהם דוד ראזענטעל, דער רב פון שערי חסד אין ירושלים, איז איינער פון זיינע אייניקלעך אריינגעקומען צו אים אויף א באזוך. אריינקומענדיג האט דער זיידע געהאלטן פאר זיך אן אפענע משנה ברורה. ווען זיין אייניקל האט דאס געזען האט ער זיך אינטערעסירט ביים זיידן וועלכע הלכות לערנט ער יעצט, האט אים דער זיידע גענטפערט אז ער לערנט נישט איין ספעציפישע הלכה, ער גייט נאר איבער די הלכות.

דער אייניקל האט זיך זייער געוואונדערט אויפ'ן זיידן. אין יענע יארן איז דער זיידע שוין געווען אין די הויכע נייציגער יארן, דורכאויס זיין לעבן האט ער שוין מערערע מאל דורכגעלערנט משנה ברורה, וועלכע הלכה קען נאך נתחדש ווערן.

"צי איז נישט בעסער צו לערנען נייע זאכן?". האט דער אייניקל געפרעגט.

הערנדיג די פראגע האט דער זיידע באשטעטיגט אז אויך ווען מען לערנט הונדערט מאל ווערן זאכן קלאר און עס ווערט נתחדש נייע זאכן און דערביי האט ער אנגעוויזן אויף א פרישע הלכה וואס איז אים ממש יעצט נתחדש געווארן

דער משנה ברורה [נא.ב.] פסק'נט אז אינמיטן די ברכה פון ברוך שאמר מעג מען ענטפערן אמן, ווייל די ברכה ווערט נישט דערמאנט אין די גמרא און דאס איז טראץ וואס ברוך שאמר האבן די אנשי כנסת הגדולה מחבר געווען דורך א צעטיל וואס איז אראפגעפאלן פון הימל (ט"ז או"ח נא א בשם ה'אור זרוע') און דאס איז טראץ וואס עס שטייט דארט אז אין די ברכה פון ברוך שאמר איז דא פ"ז תיבות און א סימן דערויף איז: "ראשו [דער ראש פון תפילה] כתם פז" (שה"ש ה יא) און וועגן דעם זאל מען נישט אראפנעמען אדער אראפלייגן פון דעם (משנ"ב נא טו). אבער מיט דעם אלעם מעג מען מפסיק זיין אין איר, ווייל עס ווערט נישט דערמאנט אין די גמרא.

דער געדאנק לערנט אונז אויס אז עס קען זיין ווי הארב עס איז, אבער אויב עס ווערט נישט דערמאנט אין די גמרא האט עס אן אנדערע דין.

"צי לוינט זיך נישט וועגן אזא חידוש איבערצולערנען די משנה ברורה נאכאמאל?". האט דער זיידע אויסגעפירט.

'נוטרי אמן' ח"ב עמ' שלז

# שערי ישועה

## די סגולה פון ענטפערן אמן

**די געשיכטע וואס מיר גיין דא היינט דערציילט איז געהערט געווארן דורך הגאון רבי משה שטיינמאן שליט"א דער זון פון דער בעל אילת השחר זצ"ל.**

**די מעשה האט ער דערציילט ביי די סעודת מצוה וואס איז פארגעקומען אין די שטאט בני ברק, ווען דער נשיא פון די 'בני אמונים' באוועגונג הרב רבי יעקב דוב מארמערשטיין שליט"א האט אריינגעגעבן א ספר תורה אין די ישיבת אורחות תורה אין בני ברק ערב ראש חודש ניסן תשע"ט.**

"אין א טאג האט א איד וואס וואוינט אין אויסלאנד אריינגעקלינגען צו מיר און זיך אויסגעגאסן פאר מיר דאס הארץ דערציילנדיג אז ער גייט אריבער אסאך שוועריגקייטן אין די טעג. דער איד, מיינער א תלמיד פון די ישיבה האט מיר דערציילט אז ער האלט שוין לאנגע יארן נאך די חתונה און ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קינדער און אויך אז עס גייט אים שווער אין פרנסה און לעצטענס איז ער געוואויר געווארן אז ער ליידט פון א ביטערע קרענק. ער איז געווען זייער צובראכן פון זיין מצב און זיך אויסגעגאסן זיין הארץ און מיר געבעטן אז איך זאל אריינגיין צו מיין טאטע און אים בעטן ער זאל אים אנווינטשן און בעטן אן עצה ווי אזוי ער קען ווערן ארויסגעלייזט פון זיינע פראבלעמען".

ווען איך האב איבערדערציילט פאר מיין טאטן זצ"ל האט ער זיך זייער מצער געווען הערנדיג די צרות פון דעם איד. דערביי האט ער זיך אויך אינטערעסירט אין דער רוחניות'דיגער צושטאנד פון דעם איד. הערנדיג אז עס דארף א תיקון האט ער אנגעהויבן איבערזאגן א משל וואס ווערט געברענגט אין ספרי קדמונים:

עס איז א משל צו א קעניג וואס האט געהאט ביי זיך אין פאלאץ א געלונגענער פידל שפילער. דער שפילער האט זיך אויסגעצייכנט מיט א ספעציעלע יכולת צו קענען אריינברענגען די וואס האבן אים אויסגעהערט אין א רואיגער צושטאנד, אין א שלוה'דיגער מצב.

דער קעניג האט זייער געגליכענט זיין פידל שפילעריי, ווען ער האט געהאט א שווערע מינוט פלעגט ער בעטן אז מען זאל אריינברענגען, אז ער זאל שפילן פאר אים.

דער פידל שפילער האט זייער גוט געקענט זיין פאך, אבער פערזענליך איז ער געווען זייער א פארדארבענער בעל מידות. פון צייט צו צייט פלעגט מען קומען צום קעניג און אים איבערזאגן פארשידענע מעשים וואס דער פידל שפילער האט אפגעטון, אבער דער קעניג האט עס אלעמאל איגנארירט, צוליב זיין אויסטערלישע ליבשאפט צו זיינע שיינע און הארציגע לידער.

## — 'ברוך רופא חולים' – אמן! —

איין טאג האט זיך דער פינגער פון דעם פידל שפילער אריינגעהאקט אין עפעס, עס אזי געווארן געשעדיגט און די דאקטורים האבן געזאגט אז מער וועט ער נישט קענען שפילן אויפ'ן פידל.

ווען מען האט פארציילט פאר'ן קעניג וואס עס האט פאסירט האט דער קעניג באפוילן אז מען זאל אים שוין ארעסטירן און אריינווארפן אין תפיסה און אים שפעטער שטעלן צום געריכט אויף אלע עוולה'ס וואס ער איז באגאנגען ביז היינט.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אזוי לאנג ווי ער האט געקענט זינגען האט דער קעניג געקענט דערליידן זיינע פראבלעמען אבער אין די רגע אז ער קען שוין מער נישט זינגען איז געקומען די צייט, אז מען זאל זיך אפרעכענען אויף אלע אלטע זינד.

האט דער גאון אויסגעפירט אז אויך דער רבוש"ע האט א ספעציעלער ניגון וואס ער גלייכט און דאס איז דער אמן ווי דער מדדרש זאגט (דב"ר ז א) כי 'אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונים' און מען זעט טאקע די גרויסקייט פון דעם ווי עס ווערט געברענגט אין (תיקו"ז ע א) כי העונה אמן קורעים לו גזר דין של שבעים שנה.

אזוי לאנג ווי א איד זינגט דעם ניגון קען ער פועל'ן אז הקב"ה זאל זיך פארהוילן פון זיינע זינד אבער אויב ער לאזט זיך נאך אין דעם - פארלירט ער חלילה זיין חשיבות.

"זאג פאר דעם איד". האט דער טאטע זצ"ל אויסגעפירט.

"אז אויב ער וויל א ישועה זאל ער זיך שטארקן אין דעם".

"איך האב אויסגעפירט דעם באפעל פון מיין טאטן". האט ר' שרגא אויסגעפירט און דער איד האט זיך פארגענומען און פארשפראכן צוריקצוקומען מיט בשורות טובות.

א יאר דערויף האט דער איד צוריקגעקלינגען און דערציילט די גוטע נייעס.

ער האט אנגעהויבן זאגנדיג אז ער האט אויסגעפאלגט די הדרכה און ער האט זוכה געווען צו געהאלפן ווערן מיט א בכור און אויך איז די מחלה אוועק און ער איז מצליח אין פרנסה.

דער איד האט דערציילט אז אין אנהייב ווען ער פלעגט ארומגיין בעטן אידן אז זיי זאלן אים זאגן ברכות ער זאל קענען ענטפערן אמן האבן אים אידן אנגעקוקט מאדנע, אבער וויסנדיג אז זיין לעבן הענגט אויף דעם, האט ער ממשיך געווען מיט דעם און ברוך השם אז די ישועה איז געקומען צוגיין שנעלער און בעסער ווי געראכטן.

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## דער הייליגער ש"ך
### א' אדר א'


דער שול פון דעם הייליגן ש"ך אין די שטאט העלישוי אין טשעכיי

דער הייליגער ש"ך רבי שבתי כהן איז געבוירן געווארן אין יאר שפ"ג צו זיין טאטע רבי מאיר דער רב פון די שטאט ווילנא. אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט תורה ביי זיין גרויסן טאטן. ווען ער איז אלט געווארן צען יאר האט אים זיין טאטע געשיקט לערנען תורה אין די ישיבה פון דער בעל מגיני שלמה זצ"ל, שפעטער האט ער אויך געלערנט תורה ביי דער צדיק ר' העשיל פון קראקא.

שוין פון זיינע יונגע יארן האט די וועלט גע'רעש'ט מיט זיין אויסטערלישע גאונות.

נאך די חתונה האט ער זיך באזעצט אין די שטאט ווילנא. ווען ער איז אלט געווארן פיר און צוואנציג יאר האט ער געדרוקט זיין ערשטער ספר 'שפתי כהן' אויף שלחן ערוך יורה דעה.

אין יאר תט"ו האבן די קאזאקן באפאלן די שטאט ווילנא און אלע אידן פון די שטאט זענען אנטלאפן פון די שטאט. אויך דער ש"ך האט דעמאלטס פארלאזט די שטאט ווילנא. פון דאן אן האט ער געוואנדערט אן אויפהער ביז ווען ער איז אנגעקומען צו די שטאט דרעזניץ און דארט האט מען אים אויפגענומען אלץ דער רב פון די שטאט. די שוועריגקייטן און די פלאגענישן וואס ער איז אריבער האט ער אראפגעשריבן אין דער ספר 'מגילת עיפה'.

אביסל שפעטער איז ער געווארן די רב אין די שטאט העלישוי, דארט האט ער צוגעענדיגט זיין ספר 'שפתי כהן' אויף די שלחן ערוך חושן משפט.

אין דעם טאג א' אדר, אין יאר תכ"ג, אין בלויז'ן עלטער פון איין און פערציג יאר, איז דער ש"ך נסתלק געווארן לבית עולמו און מען האט אים באגראבן אין די בית החיים פון די שטאט העלישוי.

## די ווערד פון א ברכה

די הייליגע חכמים (חולין פו ב) האבן קובע געווען אז די ווערד פון א ברכה איז צען זהובים. לויט דעם קומט אויס אז ווער עס איז מונע א ברכה פון א צווייטן דארף אים צאלן צען זהובים. דער ש"ך אין חושן משפט [סימן שפב ד) לייגט צו אויף דעם דין א גרויסן חידוש. ער זאגט אז ווען איינער איז מפסיד א ברכה פאר א צווייטן קען ער נאר פאדערן די סומע, נאר פון ברכה וואס מען מאכט פאר א צווייטן און מען ענטפערט אויף אמן, ווייל נאר אזא ברכה איז א חשובע ברכה.

פון די ווערטער פון דעם ש"ך זעט מען א מורא'דיגע זאך. מען זעט אז די שלימות פון א ברכה איז נאר ווען מען ענטפערט אויף די ברכה אמן, אבער אז די ברכה איז בינו לבין קונו, האט עס נישט די זעלבע ווערד, ווייל דער אמן איז קובע די ווערד פון א ברכה.

א שיינער רמז אויף דער יסוד פון דעם הייליגער ש"ך זאגט דער גאון רבי אברהם שטערן דער בעל גפי אש. ער מאכט א חשבון אז די גימטריא פון אן אמן אין מספר קטן איז צען [1+4+5].

עס איז א רמז אז ווען איז די ברכה ווערד צען זהובים ווען עס איז דא א ברכה אויפ'ן אמן. ער לייגט דערביי צו אז וועגן דעם איז עס מרומז במספר קטן ווייל אויף די וועלט איז די ווערד פון א ברכה מיט אן אמן ווערד איר צען זהובים, אבער אויף יענע וועלט וועט דער 'אמ"ן זיין במספר גדול און 'אמן' אין די מספר גדול איז צ"א ווי די גימטריא פון די ווערטער 'חיים וטוב' ווייל דער וואס איז זוכה און ער ענטפערט אמן וועט זוכה זיין לעולם הבא צו חיים נצחיים ורוב טובה בעולם הבא ('שלחן א"ש' או"ח סי' ו).

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com